Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1943

וָואקינעַבערג טסיגוימָאק מעד נגעוו עדאלאב

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library



## באלאדע וועגן דעם קאָמיוגיסט גרעבעניקאָוו

דער פארטאָג האָט צעגאָסן זיך גלאנציק
אפ די רויכיקע ראנדן פון יאם,
און די שיף איז געגאנגען אפ קאָנסטאנצע
זי פארפלייצן מיט פײַער און פלאם,

זי פארפלייצן מיט פעך און מיט שוועבל,
ביז דעם גרונט זי צעאקערן טיף;
ווי פון שלאָף האָט דאָס וואסער געבלעבלט
מיט די מעכטיקע שרויפן פון שיף, —

זיי באוויזן, ווו ס'לויערט א מינע
און ווו מײַדן ס'איז נייטיק געשווינד;
און די שיף האָט באגלייט דער באגינען,
ווי א מאמע באגלייט א קינד.

ס'האָט פון ערגעץ באגעגנט קיין ווינטל,
ניט פארפירט האָט קיין קלאנג אין דער זײַט;
און די שיף איז געגאנגען געשווינד דאָרט,
ס'זאָל איר שליכעס דערפילט זײַן באצײַט,

ס'זאָל איר שליכעס דערפילט זײַן אינגאנצן,
וואָס עס זאָל ניט געשען אפן יאם.
ניט געריכט האָט פארטאָג זיך קאָנסטאנצע
צו געריכטן פון פײַער און פלאם.

צו פאראט זי מיט ראכוועס צעשפארט האָט
אירע קוואלן פון נאפט — ניט געזאמט —
און באטרונקען די דײַטשישע שפארבערס
אפ פארדארבונג מיט גיפט און מיט סאם,

אפ האריגע און מאָרד אומגעהערטער,
אז קיין דאָרשט זאָל זיי פּלאָגן אין פּלי,
און צו רוסישע שטעט און צו דערפער
זיי פארקירצן דעם וועג פון בערלין.

איז געגאנגען די שיפ מיט איר שליכעס,
ווי דער גורל אינמיטן דעם יאם.
צו די ברעגן דערנענטערט זיך גיכער
און געבראָכן א יעטווידן צאם.

ס׳קומט א מעווע פון ווײַט זיך א גריס טאָן,
נאָר ס׳באמערקט זי ניט קיינער אין וועג —
אפ דער שיפ זײַנען דאָ קאָמיוגיסטן,
זייער בליק ז׳אפ דעם פײַנטלעכן ברעג,

זייער בליק צו די ווײַטן געווענדט איז,
ס׳איז דער אָטעם פארטײַעט און הייס;
ס׳פלאפלען פרידלעך מאטראָסישע ליענטעס
וועגן גרויזאם-געפערלעכן רייס,

ס׳מישן כוואליעס ווי בלאט זיך נאָך בלאט דאָרט,
יעדער רעגע זיך מעסט אפ דער מאָס.
ווי טשוהונ זעען אויס די בושלאטן,
אפן ווינק רעדט מאטראָס מיט מאטראָס.

ווער עס גיט א סיגנאל דאָרטן איבער,
ווער דעם כעזשבן עס פירט פון דער שלאכט, —
בא דעם קעסל — נ׳א זײַט זיך פארקליבן
שטייט גרעבעניקאָוו — דער קאָטשעגאר.

הערט זיך צו, ווי דער אייל טריפט דורך רערלעך,
און דער דאמפ — ווי ער שטײַגט אין דער הויך;
טאָמער וואָס, טאָמער עפעס געפערלעך,
זאָל קיין רעגע ניט דורך אָן געברויך.

ער איז וווקסיק, גרעבעניקאָוו, בראָנזיק,
אומבאוועגלעך זיך דוכט זײַן געזיכט,
נאָר אנטפלעקט, — ס׳קאָן עס יעדערער אָנזען, —
ער האָט גאָרניט פארטײַעט אין זיך —

ניט די גרעבלעך-פארווינטיקטע צוגן,
ניט דעם כיין, וואָס אנציקט און פארפאָלגט,
ניט דעם שטאָלץ, וואָס ט׳געשענקט דער קאָמיוג אים,
ניט די קראפט, וואָס געשענקט ט׳אים דאָס פאָלק.

בא דעם קעסל ער שטייט ווי א פאנצער,
זײַן געזיכט צו דעם יאם איז אנטפלעקט.
און די שיפ איז געגאנ אפ קאָנסטאנצע,
אומפארמײַדלעך געצויגנ צום ברעג.

דאָרטנ קוקנ ווי קעפ פונ באָיארנ
רונדע טשאנענ מיט דיסקנ אינ דר׳הויך;
ס׳וועט ניט ראטעווענ איצט זיי קיינ כמארע,
און קיינ אויסקויפ איצט ווערט ניט געברויכט!

ס׳וועט ניט בײַשטיינ די מאסקע פונ דיסקנ.
א קאָמאנדע דערהערט זיך אזא:
— פארנ פאָטערלאנד! פלאם, קאָמיוגיסטנ!
און דעם ברעג האָט דערשיטערט א זאלפ.

ס׳איז אינ צאָרנ בא יעדנ די האנט דאָרט,
שוינ צעהוליעט דער פלאם זיך אינ דר׳הויך;
און עס זעט שוינ די גאנצע קאָמאנדע,
ווי עס ווארגט זיך קאָנסטאנצע מיט רויך.

פונ ארום הייבנ בערג זיך א קוק טאָנ,
ס׳דוכט — זיי רײַסנ זיך אויס פונעם שטאם;
און עס מעלדנ פונ שיפ רעפראָדוקטאָרס
די פרימאָרגיקע פלאכנ פונ יאם:

ס׳ברענענ העל אינ קאָנסטאנצע די באקנ,
ס׳האָט דאָס פײַער קיינ אָפּהאלט שוינ מער;
ביזנ הימל דערגרייכט זייער פלאקער —
ס׳איז דער וועג אים אינערגעץ פארווערט!

אקוראט לייגט א יעדער סנאריאד זיך,
יעדער אופרײַס אינ כמארעס זיך טויכט —
ווי פונ גענעם געלאָזטע שטורקאצנ
אפ א פלאמיקנ צוג אינ דער הויך.

ס'וועט א נעסט פון שאקאלן צעשטערט זײַן,
די דורך אש וועט פון ווײַט זײַן דערקענט;
און מיט פרייד גיסן אָן זיך די הערצער,
און מיט ברויז גיסן אָן זיך די הענט!

און א זאלפּ נאָך א זאלפּ — אין געיעגן,
און א ריס נאָך א ריס דונערט אופֿ;
ווי מיט בלעכיק-צעבויגענע נעגל
כאפּן באקן זיך אָן פאר דער לופט.

און זיי ברעכן מיט קרעכצ זיך ארונטער,
צוגעדריקט און באזאָטלט פון פלאם.
ביז די טיפע דערשיטערטע גרונטן
פארגעדענקט עס אפ אייביק דער יאם.

אין פארניכטונג דעם סוינע דערקלערט זיך
דער געוואגטער פרימאָרגיקער רעיד.
פון הארמאטן די גאָרגלען — זיי לעכצן
אומגעדולדיק זיי ווארטן די ריי.

א פארמעסט פון א ריי מיט א ריי איז,
און צו ענדע די שלאכט איז שוין נאָנט;
נאָר עס רופן זיך צוויי באטארייעס
פונעם ברעג פונעם פײַנטלעכן אָן.

און עס האָבן א גליטש אפ דער פאלוב
שטיקער בלײַ מיטאמאָל זיך געטאָן,
בא דעם באָרט גיט א שרויפּ זיך א כוואליע
פון דורך פײַער צעריסענעם שטאָל.

שוין א האָגל פון קוילן צעטאנצט זיך,
שוין ניט אויסציילן זיי אין דער צאָל.
צו דער שיפ האָבן זיך פון קאָנסטאנצע
דרײַ עסמינצעס געלאָזט אפאמאָל.

ס'האָט די שיפ זיך א וואקל געגעבן,
אפ דער פאלובע — דער קאפּיטאן —
און א קוק ארום זיך און — דערנעבן
די קאָמאנדע, פון אָרט ניט קיין שפאן.

די געפאר ווערט אלץ נעענטער און גרעסער,
יעדער רגע — פון גוירל געציילט;
און גרעבעניקאָוו שטייט בא דעם קעסל
הערט זיך איַין אין זיַין יעטווידן טייל.

א באַדעקטער מיט שוויס, גראָבט זיך איַין ער
נ׳ווענטיליאטאָר, אין יעטווידער רער
מיט פארלאָפענע אויגן מיט זיַינע
פון דער הייצונג זעט דאָרטן ער,

ווי עס זעצט זיך דער דאמפ אומדערווארט דאָרט,
ווי געפאר זיך צעלייגט אפ דער שיף.
ס׳איז קיין ציַיט ניט פאראן אפ צו טראכטן,
דאָך אן אומרו אין לייַב גיט א טריף:

— ס׳א געפאר! וואָס צו טראכטן ניטאָ איז!
איצט ווי קיינמאָל די ציַיט איז פון טאט!
ער זאָל נאָר דאָ ניט מאכן קיין טאָעס,
ער זאָל נאָר דאָ מיט אלץ... אקוראט.

און עס טראָגן זיך שנעל די עסמינצעס,
זיי פארגייען פון זיַיטן ארום.
נאָר א טרייסט אינעם הארצן צעגרינט זיך,
און ער גיט זיך א קוק אזוי אום

אין דער וויַיט: — ס׳איז אין פיַיער קאָנסטאנצע!
ס׳איז די אופגאבע אויסגעפילט גוט!
מ׳וועט אהיים זיך נאָך אומקערן גאנצע,
צי דאָס איז שוין דער לעצטער מארשרוט?!..

— נו, גרעבעניקאָוו, שנעל גיב א גרייט זיך! —
ווענדט זיך זיַין קאָמאנדיר צו אים לייַכט: —
דו צעעפענען גלייַך וועסט די הייצונג
און די טריַיבלעך אדורכקוקן גלייַך!

אפ א רעגע ט׳דער יאם זיך פארטיַיעט,
און די כוואליעס — פארשלונגען דעם קלאנג:
— איז דען עפעס פאראן פאר אים טיַיערס,
ווי די שיפ, ווי דער יאם, ווי דאָס לאנד!?

איז גרעבעניקאָוו שטיל צו דער פּאלוב,
ווי צו זײַן א געליבטערס הארץ
מיט זײַן בראָנזענער באק צוגעפאלן
און דערפילט: — ס׳האָט א טרײַבל געפלאצט!

אים אין קעסל באוווסט יעדער שרויף איז,
אים די היץ איז ווי קיינעם באוווסט.
און די רעגעס אין אומרו זיי לויפן,
איז ארײַנגיין אין קעסל — מע מוז!

ער וועט פּרווון צום אָרט זיך דערקלויבן,
דאָס געפלאצטע פארטויבן און — דאן...
זאָל עס זײַן קאָמאנדיר אים דערלויבן,
זאָל דערלויבן אים דער קאפּיטאן!

מיט א ווונק זיך די אויגן באריִרן,
מיט א מוטיקן דריק בא דער האנט, —
און דערפאָלג ווינטשעט דער קאָמאנדיר אים,
א סיגנאל גיט אים דער קאפּיטאן.

נאָר גרעבעניקאָוו בלײַבט נאָך א ווײַלע,
אפן קאָפּ נעמט ער דורך יעדער צעל
פונעם קעסל... דעם אינגעווייד... אײַליק,
נ׳צו מאטראָסן ער ווענדעט זיך שנעל:

— ברענגט אהער דעם אסבעסטענעם אָנצוג!
אלץ איז דורכגעקלערט, פּינקטלעך און קלאָר;
באם צעפּאָכעטן פלאם פון קאָנסטאנצע,
באם צעגאָסענעם ליכט פון קאיאָר

האָט גרעבעניקאָוו שנעל אָנגעטאָן זיך
מיט דער הילף פון מאטראָסן פון צוויי.
ס׳האָט א ווינטל געגעבן א בלאָנדזשע
און א מעווע אין דר׳הייך — זיך א דריי.

און אָט לייגט אפ זײַן קאָפּ שוין א בינט זיך,
שוין דאָס בראָנזענע פּאָנעם פארדעקט —
ס׳זעט גרעבעניקאָוו בלויז די עסמינצעס
און דעם ווײַטן, דעם לײַבלעכן ברעג.

ס'גיסנ אָנ זיכ מיט מוט זײַנע טריט אימ.
— דאָס געצײַג! אונ קײנ רעגע ניט מער!
ער איז גרײט. אונ אינ קעסל צעגליטנ,
ווי אינ גענעמ ארײַנגאנ איז ער.

אונ א וואלגער אפ אימ האָט געטאָנ זיכ
די דערשטיקנדע היצ אונ דער בראנד;
אפנ בויכ אינ דער פינצטער ער בלאָנדזשעט,
נאָר ער האלט שוינ די רער אינ דער האנט.

ער דערפילט, ווי די האָר זײַנע טראסקענ,
אונ די היצ ווי א בארג אפ אימ קריכט;
אָט דאָ איז עס, דאָס אָרט דאָס געפלאצטע, —
ער וועט גלײַכ עס פארטויבנ... אפגיכ...

נאָר די היצ גיט א קײַקל מיט קאס זיכ
אפ זײַנ גאָרגל, א וואָרפ — מיטאמאָל...
ס'הערט זײַנ קאָל ווי פונ גענעמ זיכ: — ווא-ער!
אונ אינ רויש ווערט דערטרונקענ זײַנ קאָל.

אלע ווײַל שטרעקט דעמ קאָפּ ער נאָכ אָטעמ
אונ צוריק צו דער רער זיכ א לאָז.
פונ דער פאלוב באגאָסנ עס האָט אימ
מיט דערפרישנדנ שטראָמ א מאטראָס.

נאָר דאָס וואסער האָט גלײַכ אופגעזאָטנ
אונ זיכ בליצ-שנעל פארוואנדלט אינ דאמפ, —
מיט דער היצ פונעמ גענעמ באטראָטנ,
דער מאטראָס דארפ געווינענ דעמ קאמפ!

ס'ווײסט גרעבעניקאָוו אײנס — אז פארזאמענ
הײסט — דער גרונט פונעמ יאמ פאר דער שיפ!
איז מיט קויכעס מיט לעצטע — דעמ האמער
אינ דער דאמפיקער גליִענדער טיפ.

ער געפֿײלט האָט, די אָנמאכט — געטריבנ
אונ געשטויסנ די היצ פונ זיכ שווער.
א מינוט... אונ צוויי... אונ זיבנ...
אונ — באשטאט איז ווידער די רער!

כ׳גיט די היץ שוינ צולעצט דאָרט א פּרעס אימ,
אונ דער דאמפּ גיט צולעצט אימ א שטויס —
דורכ דעמ גאָרגל פונ גלוטיקנ קעסל
איז גרעבעניקאָוו זיגרייַכ ארויס!

ס׳האָט די שיפ זיכ א גלייַכ געטאָנ ווידער
אונ פאנאנדערגעשפּרייט זיכ צו שלאכט.
אונ גרעבעניקאָוו האָט, אזא מידער,
זיכ א וואקל געגעבנ אָנ מאכט.

ער האָט גאָרניט געזענ פאר די אויגנ,
ווי ס׳האָט יעדער מאטראָס אימ באגריסט;
ס׳האָבנ ליפּנ אינ וויי זיכ באוויגנ,
ער געשטאנענ איז קוימ אפ די פיס.

אונטער הייסנ אסבעסטענעמ אָנצוג
א צעשפּיליע געגעבנ דעמ הוק
אונ א פּרווו — צי געבליבנ דאָרט גאנצ איז
דער בילעט פונ געטרייַענ קאָמיוג.

נ׳מיט געזעצטנ, פאַרענדערטנ קאָל דאָרט,
מער ניט שפּירנד אינ פוס קיינ געשטעל, —
האָט גרעבעניקאָוו מורמלענד געמאָלדנ: —
— אויסגעפילט, קאָמאנדיר, דעמ באפעל!

אונ די שיפ האָט פאנאנדערגעשפּאנט זיכ
אונ מיט זאלפּנ באפרייַט זיכ דעמ וועג.
אינ דער ווייַט האָט געפלאקערט קאָנסטאנצע
אונ געווארט האָט דער לייַבלעכער ברעג.

